**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אנהויב פון בוי ארבעט פאר 54.9 מיליאן דאלאר אלבעני קאפיטאל צענטער אויסברייטערונג**

***10 מיליאן דאלאר פון ניו יארק סטעיט פארשטערקערט די צענטער אלס די קאפיטאל ראיאן'ס בעסטע פארזאמלונג און זיצונג דעסטינאציע***

***פראיעקט גיבט צו צו גאווערנאר האקול'ס 400 מיליאן דאלאר 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" איניציאטיוו אויפצולעבן אלבעני'ס דאונטאון צענטער***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געפייערט די אנפאנג פון די בוי ארבעט פון די אלבעני קאפיטאל צענטער אויסברייטערונג פראיעקט (Albany Capital Center, ACC) — א גאר גרויסע דערגרייכונג [געשטיצט](#) דורך א 10 מיליאן דאלאר סטעיט אינוועסטירונג דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) און די קאפיטאל ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Capital Region Economic Development Council, CREDC). די אויסברייטערונג טוט אפצייכענען די קומענדיגע פאזע צו אוועקשטעלן ACC אלס די בעסטע פארזאמלונג און זיצונג דעסטינאציע אין די קאפיטאל ראיאן און טוט צוגעבן צו גאווערנאר Hochul's (האקול) 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" (Championing Albany's Potential, CAP) איניציאטיוו, א ברייטע 400 מיליאן דאלאר באמיאונג צו אויפלעבן דאונטאון אלבעני.

"היינט, הייבן מיר אן דעם ארבעט פאר די קומענדיגע קאפיטל אין אלבעני'ס טראנספארמירונג," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די אלבעני קאפיטאל צענטער איז שוין אויפגעוויזן געווארן צו באפעסטיגן טוריזעם און עקאנאמישע אקטיוויטעט אין די קאפיטאל ראיאן. די אויסברייטערונג וועט ערמעגליכן אפילו מער איינוואוינער, ביזנעסער און באזוכער צו זעהן פאר זיך אלס וואס געבט צו צו די לעבהאפט פון אלבעני — פון קאנווענטשענס און עקספאוס ביז קאלטורישע פארזאמלונגען וועלכע פארשטערקערן די לאקאלע עקאנאמיע און קאמיוניטי שטאלץ."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די אנהויב פון די בוי ארבעט ביי די אלבעני קאפיטאל צענטער אויסברייטערונג טוט רעפלעקטירן גאווערנאר Hochul's (האקול) וויזיע פאר א שטערקערער, מער פארבינדעטע קאפיטאל סיטי. דורך אינוועסטירן אין מאדערנע, ניצבארע ערטער וועלכע ציען ערשט-קלאסיגע צאמקומען און פארזאמלונגען, טוען מיר שאפן דשאבס, טרייבן עקאנאמישע אקטיוויטעט, און פאראויסריקן די 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" איניציאטיוו צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס קאפיטאל בליעט ווייטער פאר פילע קומענדיג דורות."

**CREDC קא-פארזיצערס Ruth H. Mahoney (רוט ה. מעהאני) און Havidán Rodríguez (העווידען ראדריגעז) האבן געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון די אלבעני קאפיטאל צענטער איז אין

איינקלאנג מיט אונזער ראיאנישע בלו-פרינט צו שטיצן לאקאלע עקאנאמישע וואוקס. אזעלכע סארט פראיעקטן וועלכע טוען הייבן די ווערד פון איינער פון דאונטאון אלבעני'ס גרעסטע עסעטס וועלן העלפן מוטיגן נייע אינוועסטירונגען און וועלן מאקסימיזירן די פאטענציאל פון די סיטי'ס שטאטישע צענטער. אין נאמען פון די גאנצע ראיאנישע קאונסיל, זענען מיר צופרידן צו שטיצן די נייע דעוועלאפמענט."

**אלבעני קאנווענטשען צענטער אטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר און CEO Monica Kurzejeski (מאניקע קורזעדשעסקי) האט געזאגט,** "מיר זענען זייער שטאלץ מיט וואס מיר האבן שוין אלס אויפגעטוהן אין די וויניגער פון צעהן יאר ביי די אלבעני קאפיטאל צענטער, און מיר זענען גאר פרייליך איבער וואס די אויסברייטערונג וועט באדייטן פאר אונזערע קומענדיגע צעהן יאר און ווייטער. מיט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) שטאנדהאפטיגע פירערשאפט און די מיטארבעטנדע גייסט פון אונזערע לאקאלע רעגירונג מיטארבעטער, טוען מיר צוזאמען בויען א בליענדע ארט וואס וועט אויפהייבן אונזער קומיוניטי, ענטפאנגען באזוכער, און פארבעסערן אונזער עקאנאמיע."

**אלבעני קאונטי עקזעקיוטיוו Daniel P. McCoy (דעניעל פ. מעקקאו) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס מיר לאזן זיך ארויס אויף די פראיעקט צו אויסברייטערן די אלבעני קאפיטאל צענטער, טוט די ACC נישט בלויז פארמערן די סכום פון סקווער פיס; זיי טוען פארבינדן רייכע היסטאריע מיט מאדערנע אינאוואציע. שאפנדיג א בליענדע צוזאמענארבעט צווישן די היסטארישע פראפערטי לענגאויס סטעיט סטריט און אונזער מאדערנע פאסיליטעט אויף איגעל סטריט, וועט די פראיעקט צושטעלן געוואלדיגע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע וואוקס, טוריזעם, און א ליכטיגערער צוקונפט פאר אלבעני קאונטי. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר די 10 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג."

**אלבעני קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער Joanne Cunningham (דשאוען קאנינגהעם) האט געזאגט,** "יעדער וואס וואוינט, ארבעט, און באזוכט אין אלבעני איז היינט א געווינער. א הארציגן דאנק פאר גאווערנאר Hochul (האקול) און איר טיעם פאר'ן גלייבן און אינוועסטירן אין די קאפיטאל סיטי, און פאר'ן צוגלייגן א וויכטיגע חלק צו די מיטארבעטשאפט צווישן ניו יארק סטעיט, אלבעני קאונטי, און די אלבעני קאנווענטשען צענטער אטאריטעט. די שאק-כוואליעס פון עקאנאמישע אקטיוויטעט וואס קומט ארויס פון די אויסברייטערונג — געבויעט אויף אן אויסערגעווענדליכע ארבעטס באציאונג צווישן די קאונטי און די קאנווענטשען צענטער אטאריטעט — וועט ברענגען צענדליגע מיליאנען דאלארן קיין דאונטאון אלבעני און דורכאויס אלבעני קאונטי. מיר זענען גאר צופרידן צו זיין א טייל פון די געוואלדיגע טיעם וואס האט געטוהן די ארבעט, געשטעלט די לאקאלע לעגיסלאציע אין פלאץ, צוזאמגעארבעט מיט אונזערע סטעיט קאלעגען, און אויסגעקלארט דעם וועג פאר די אויסברייטערוג וואס מיר פייערן היינט."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטע), RPh האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון די אלבעני קאפיטאל צענטער איז א גרויסע געווינס פאר די קאפיטאל ראיאן'ס עקאנאמיע און פאר די אנגייענדע אויפלעבונג פון דאונטאון אלבעני. די אינוועסטירונג וועט העלפן ציען מער באזוכער און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאקאלע ביזנעסער. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול), עמפייער סטעיט אנטוויקלונג און אלבעני קאונטי פאר זייערע אנגייענדע צאזאמענארבעט צו פאראויסריקן די קאפיטאל ראיאן'ס וואוקס."

**אסעמבלי מיטגליד Gabriella A. Romero (געבריעלע א. ראומיראו) האט געזאגט,** "די אנפאנג פון די בוי ארבעט ביי די אלבעני קאפיטאל צענטער אויסברייטערונג איז א הערליכע טריט פאראויס פאר אלבעני און פאר די ברייטערער קאפיטאל ראיאן. מיט א 10 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, וועט די פראיעקט נישט בלויז אויסברייטערן אונזער קאפאציטעט צו אפהאלטן גרעסערער פארזאמלונגען, נאר עס וועט אויך פארשטערקערן אלבעני'ס עקאנאמיע און פאזיציע אלס גאר א גוטע דעסטינאציע פאר ביזנעס און טוריזעם. דאס איז שטארק פאסיג צו צוגעבן צו אונזער 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" איניציאטיוו, וואס טוט אויפלעבן אלבעני'ס דאונטאון און טוט שאפן לאנג-אנהאלטנדע געלעגנהייטן פאר

לאקאלע ביזנעסער און איינוואוינער. איך בין פרייליך צו זעהן ווי אלבעני זעצט פאר צו וואקסן און בליען, און איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנאר'ס אנהאלטנדע אינוועסטירונג אין די סיטי וואס איז א היים פאר אונזעביידע."

**אלבעני מעיאר Kathy Sheehan (קעטי שיהען) האט געזאגט,** "די אלבעני קאפיטאל צענטער אויסברייטערונג איז א וויכטיגע שריט צו שטעלן אונזער סיטי אין פאזיציע אלס א גאר גוטע דעסטינאציע פאר גרעסערער קאלטורישע פארזאמלונגען, צאמקומען, טרעיד שאוס, און אזויפיל מער. די וויכטיג פראיעקט וועט טרייבן עקאנאמישע וואוקס און וועט צושטעלן גוואלדיגע געלעגנהייטן ארויסצואווייזן אונזער סיטי'ס בליענדע קאלטור און מעלות, און איך בין אזוי פרייליך אז מיר פאנגען היינט אן די ארבעט. א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די וויכטיגע פינאנצירונג צו העלפן ערמעגליכן די אויסברייטערונג, און א דאנק פאר די פירערשאפט פון די אלבעני קאנווענטשען צענטער אטאריטעט פאר'ן האבן די וויזיע צו אנפירן די וויכטיגע פארבעסערונג צו די אלבעני קאפיטאל צענטער. איך קוק ארויס צו זעהן וויאזוי די פראיעקט, צוזאמען מיט גאווערנאר Hochul's (האקול) 400 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין דאונטאון אלבעני, וועלן העלפן ברענגען נאך מער אינוועסטירונג און וועלן מאכן אונזער נייעסטע געגנט און אונזער גאנצע סיטי נאך שטערקער."

געפונענדיג זיך אויף 126 סטעיט סטריט, וועט די 54.9 מיליאן דאלאר פראיעקט אויסברייטערן ערטער פאר זיצונגען און פארזאמלונגען צו נאכקומען די שטייגנדע אינדוסטרי פארלאנג. די פראיעקט וועט צולייגן פינעף נייע צימערן פאר זיצונגען, א גרויסע פילע-ניצן צימער, א נייע באל-רום אן פרי-פאנקשען ארט אויף די ערשטע שטאק, און א 3,000-סקווער-פיס חצר פאר דרויסנדיגע פארזאמלונגען. איינמאל עס איז פארענדיגט, וועט די סומע סקווער פיס וואס איז פארהאן צו דינגען ביי ACC וואקסן צו 84,000 — שטעלנדיג די ACC אין פאזיציע צו קענען אפהאלטן גרעסערער און מער דינאמישע פארזאמלונגען און דינען אלס א הויפט עקאנאמישע טרייב קראפט פאר דאונטאון אלבעני.

זייט'ן זיך עפענען אין 2017, האט די ACC אפגעהאלטן מער ווי 1,200 פארזאמלונגען, ענטפאנגען איבער 660,000 באזוכער, געברענגט 100 מיליאן דאלאר אין געלטער וואס נייע באזוכער האבן אויסגעגעבן, און צוגעלייגט מער ווי 138,000 נעכט אין האטעל צימערן אין די קאפיטאל ראיאן.

**שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל**

גאווערנאר Hochul's (האקול) בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר האט געגרינדעט די 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל' איניציאטיוו, אן איבער 400 מיליאן דאלאר, צוזאמענארבעטנדע, סטעיט-אנגעפירטע באמיאונג צו אויפלעבן אלבעני'ס דאונטאון צענטער אין צוזאמענארבעט מיט די לאקאלע קאמיוניטי. דאס רעכנט אריין 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו פלאנירן און דורכפירן פראיעקטן צו אויפלעבן ביזנעס געגנטער, פארשטערקערן קליינע ביזנעסער, שטיצן האוזינג וואוקס, און אויפלעבן ריעל עסטעיט און אפענע שטחים וואס ווערן נישט אויסגעניצט. די CAP איניציאטיוו רעכנט אויך אריין ביז 150 מיליאן דאלאר צו טראנספארמירן קאלטורישע ערפארונגען אינערהאלב און ארום אלבעני'ס דאונטאון, ווי צום ביישפיל די סטעיט מוזיאם (State Museum), ביז 40 מיליאן דאלאר צו פאראויסריקן פלענער צו פונדאסניי פארבינדן קאמיוניטיס וואס זענען אפגעטיילט געווארן דורך די אינטערסטעיט 787, און 1.5 מיליאן דאלאר פאר פארבעסערן פובליק זיכערהייט. דעם זוממער האט גאווערנער Hochul (האקול) אנגעפאנגען די CAP איניציאטיוו'ס ערשטע דאונטאון אלבעני סטראטעגיע פובליק ווארקשאפ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי די אלבעני קאפיטאל צענטער. די ווארקשאפ האט געצויגן איבער 700 באטייליגטער, אריינגערעכנט אלבעני איינוואוינער און שותפים פון ביזנעס, אקעדעמיע און רעגירונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן